**וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענט**

# אינפלוענזא (פלו) וואקסין, (אינאקטיוויזירט אדער ריקאמבינענט): *וואס איר דארפט וויסן*

פילע וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען גרייט אין שפאניש און אנדערע שפראכן. באזוכט www.immunize.org/vis

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

## 1 פארוואס ווערן וואקסינירט?

אינפלוענזא ("פלו") איז אן אנשטעקיגע קראנקהייט וואס פארשפרייט זיך איבער די פאראייניגטע שטאטן יעדן ווינטער, געווענליך צווישן אקטאבער און מאי.

פלו ווערט פאראורזאכט דורך אינפלוענזא ווייראסן, און ווערט פארשפרייט הויפטזעכליך דורך הוסן, ניסן, און נאנטע בארירונג.

סיי ווער קען באקומען די פלו. פלו קומט אן פלוצים און קענען אנהאלטן עטליכע טעג. סימפטאמען זענען אנדערש לויטן עלטער, אבער קענען אריינרעכענען:

- פיבער\טרייסלען
- ווייעדיגע האלז
- מוסקל ווייטאגן
- מידקייט
- הוסט
- קאפווייטאג
- רינעדיגע אדער פארשטאפטע נאז

פלו קען אויך פירן צו לונגען אנטצינדונג און בלוט אינפעקציעס, און פאראורזאכן דייעריע און סיזשורס ביי קינדער. אויב איר האט א מעדיצינישע צושטאנד, ווי הארץ אדער לונגען קראנקהייט, קען די פלו עס פארערגערן.

פאר געוויסע מענטשן איז פלו מער געפארפול. בעיביס און יונגע קינדער, מענטשן וועלכע זענען 65 און עלטער, שוואנגערדיגע פרויען, און מענטשן מיט געוויסע געזונט אומשטענדן אדער א אפגעשוואכטן אימיון סיסטעם האבן די גרעסטע ריזיקע.

יעדעס יאר, **שטארבן טויזנטער מענטשן אין די פאראייניגטע שטאטן פון פלו**, און פיל מער ווערן האספיטאליזירט.

**די פלו וואקסין קען:**

- אייך אפהאלטן פון באקומען די פלו,
- מאכן פלו ווייניגער ערנסט אויב איר באקומט עס יא, און
- אייך אפהאלטן פון פארשפרייטן פלו צו אייער פאמיליע און אנדערע מענטשן.

## 2 אומ-אקטיוויזירטע און ריקאמבינענט פלו וואקסינען

איין דאזע פלו וואקסין ווערט רעקאמענדירט יעדן פלו סעזאן. קינדער פון 6 מאנאטן ביז 8 יאר אלט קענען דארפן צוויי דאזעס דורכאויס דעם זעלבן פלו סעזאן. יעדער אויסער זיי דארף בלויז איין דאזע יעדן פלו סעזאן.

געוויסע אומ-אקטיוויזירטע פלו וואקסינען ענטהאלטן א זייער קליינע מאס פון א מערקיורי-באזירטע פרעזערוועטיוו וועלכע ווערט אנגערופן טיימעראסאל. שטודיעס האבן נישט געוויזן אז טיימעראסאל אין וואקסינען איז שעדליך, אבער עס זענען גרייט פלו וואקסינען וועלכע ענטהאלטן נישט קיין טיימעראסאל.

עס איז נישט פארהאן קיין שום לעבעדיגע פלו ווייררוס אין פלו איינשפריצן. **זיי קענען נישט פאראורזאכן די פלו.**

עס זענען פארהאן פילע פלו ווייררוסן, און זיי טוישן זיך שטענדיג. יעדעס יאר ווערט געמאכט א נייע פלו וואקסין צו באשיצן אנטקעגן דריי אדער פיר ווייררוסן וועלכע וועלן ווארשיינליך פאראורזאכן קראנקהייט אינעם קומענדיגן פלו סעזאן. אבער אפילו ווען דער וואקסין פאסט נישט פונקטליך צו יענע ווייררוסן, קענען זיי נאך אלס צושטעלן טיילווייזע באשיצונג.

די פלו וואקסין קען נישט פארמיידן:

- פלו וואס ווערט פאראורזאכט דורך א ווייררוס וואס ווערט נישט געדעקט דורך דעם וואקסין, אדער
- קראנקהייטן וואס זעען אויס ווי פלו אבער זענען נישט.

עס דויערט אומגעפער 2 וואכן פאר באשיצונג זיך צו אנטוויקלען נאך וואקסינאציע, און באשיצונג האלט אן דורכאויס דעם פלו סעזאן.

## 3 געוויסע מענטשן זאלן נישט באקומען דעם וואקסין

זאגט פאר דעם מענטש וואס גיבט אייך דעם וואקסין:

- **אויב איר האט סיי וועלכע ערנסטע, לעבנס-דראענדע אלערגיעס.**
  אויב איר האט אמאל געהאט א לעבנס-דראענדע אלערגישע רעאקציע נאך א דאזע פון פלו וואקסין, אדער האט אן ערנסטע אלערגיע צו סיי וועלכן טייל פון דעם וואקסין, קענט איר מעגליך ווערן געראטן נישט צו ווערן וואקסינירט. מערסטנס, אבער נישט אלע, סארטן פלו וואקסין ענטהאלטן א קליינע מאס איי פראטעין.
- **אויב איר האט אמאל געהאט Guillain-Barré Syndrome (אויך גערופן GBS).**
  געוויסע מענטשן מיט א היסטאריע פון GBS זאלן נישט באקומען דעם וואקסין. דאס זאל ווערן איבערגעשמועסט מיט אייער דאקטאר.
- **אויב איר שפירט זיך נישט גוט.**
  עס איז געווענליך אין ארדענונג צו באקומען פלו וואקסין ווען איר האט א מילדע קראנקהייט, אבער מען קען אייך מעגליך בעטן צוריקצוקומען ווען איר שפירט זיך בעסער.

U.S. Department of Health and Human Services
Centers for Disease Control and Prevention

## 4 ריזיקעס פון א וואקסין רעאקציע

מיט סיי וועלכע מעדיצין, אריינגערעכנט וואקסינען, איז פאראן א שאנס פון רעאקציעס. זיי זענען געווענליך מילד און גייען אוועק פון זיך אליין, אבער ערנסטע רעאקציעס זענען אויך מעגליך.

רוב מענטשן וואס באקומען א פלו איינשפריץ האבן נישט קיין פראבלעמען דערמיט.

**מילדע פראבלעמען** נאכפאלגנדיג א פלו איינשפריץ רעכענען אריין:

- ווייטאג, רויטקייט, אדער געשווילעכץ וואו דער איינשפריץ איז געגעבן געווארן
- הייזעריגקייט
- ווייעדיגע, רויטע, אדער ציפעדיגע אויגן
- הוסט
- פיבער
- ווייטאגן
- קאפווייטאג
- קראצעניש
- מידקייט

אויב די פראבלעמען פאסירן, הויבן זיי זיך געווענליך אן באלד נאך דעם איינשפריץ און האלטן אן 1 אדער 2 טעג.

**מער ערנסטע פראבלעמען** נאכפאלגנדיג א פלו איינשפריץ קען אריינרעכענען די פאלגנדע:

- עס קען זיין א קליינע העכערונג אין ריזיקע פאר Guillain-Barré Syndrome (GBS) נאך אום-אקטיוויזירטע פלו וואקסין. די ריזיקע ווערט געשאצט אויף נאך 1 אדער 2 פעלער פער מיליאן מענטשן וואס ווערן וואקסינירט. דאס איז פיל נידריגער ווי די ריזיקע פון ערנסטע קאמפליקאציעס פון די פלו, וואס קען פארמיטן ווערן דורך פלו וואקסין.
- יונגע קינדער וועלכע באקומען די פלו וואקסין אינאיינעם מיט נומאנאקאקעל וואקסין (PCV13) און\אדער DTaP וואקסין אין די זעלבע צייט, קענען זיין עטוואס מער אויסגעשטעלט צו האבן א סיזשור פאראורזאכט דורך פיבער. פרעגט אייער דאקטאר פאר מער אינפארמאציע. זאגט פאר אייער דאקטאר אויב א קינד וועלכע באקומט א פלו וואקסין האט אמאל געהאט א סיזשור.

**פראבלעמען וועלכע קענען פאסירן נאך סיי וועלכן איינגעשפריצטן וואקסין:**

- מענטשן חלש'ן צומאל נאך א מעדיצינישן פראצעדור, אריינגערעכנט וואקסינאציע. זיך אראפזעצן אדער אראפלייגן פאר אומגעפער 15 מינוט קען העלפן פארמיידן חלשות, און שעדיגונג וועלכע אראפפאלן פאראורזאכט. זאגט פאר אייער דאקטאר אויב איר שפירט ווי עס שווינדלט אייך, אדער האט ענדערונגען אין זע קראפט אדער קלינגען אין די אויערן.
- טייל מענטשן באקומען ערנסטע אקסל ווייטאג און האבן שוועריגקייטן צו רירן דעם ארעם וואו אן איינשפריץ איז געגעבן געווארן. דאס פאסירט זייער זעלטן.
- סיי וועלכע מעדיצין קען פאראורזאכן אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע. אזעלכע רעאקציעס פון א וואקסין זענען זייער זעלטן, געשאצט אויף אומגעפער 1 אין א מיליאן דאזעס, און וואלט פאסירט אינערהאלב א פאר מינוט ביז א פאר שעה נאך די וואקסינאציע.

גלייך ווי מיט סיי וועלכע מעדיצין, איז דא א זייער ווייטן אויסזיכט אז א וואקסין זאל פאראורזאכן אן ערנסטע שעדיגונג אדער טויט.

די זיכערהייט פון וואקסינען ווערט אלעמאל נאכגעקוקט. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט: **www.cdc.gov/vaccinesafety/**

## 5 וואס איז אויב עס איז דא אן ערנסטע רעאקציע?

**אויף וואס זאל איך האלטן אן אויג?**

- האלט אן אויג אויף סיי וועלכע זאך וואס באזארגט אייך, אזוי ווי צייכנס פון אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע, זייער הויכע פיבער, אדער אומגעוועונליכע אויפפירונג.

צייכענס פון אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע קענען אריינרעכענען הייווס, שוועלונג פון דעם פנים און האלז, שוועריקייטן מיט אטעמען, א שנעלער הארץ קלאפ, שווינדלונג, און שוואכקייט. זיי דארפן זיך ווען אנפאנגען א פאר מינוט ביז א פאר שעה נאך די וואקסינאציע.

**וואס זאל איך טאן?**

- אויב איר קלערט אז עס איז אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע אדער אנדערע עמערדזשענסי וואס קען נישט ווארטן, רופט 9-1-1 און ברענגט דעם מענטש צום נאנטסטן שפיטאל. אויב נישט, רופט אייער דאקטאר.
- נאכדעם, זאל די רעאקציע ווערן באריכטעט צו די וואקסין אומגינסטיגע ערשיינונג באריכטונג סיסטעם Vaccine Adverse Event Reporting System (VAERS). אייער דאקטאר זאל אריינגעבן דעם באריכט, אדער קענט איר עס טון אליין דורך די VAERS וועבזייטל ביי **www.vaers.hhs.gov** אדער דורך רופן **1-800-822-7967**.

*VAERS גיט נישט קיין מעדיצינישע ראט.*

## 6 די נאציאנאלע וואקסין שעדיגונג קאמפענסאציע פראגראם (The National Vaccine Injury Compensation Program)

די נאציאנאלע וואקסין שעדיגונג קאמפענסאציע פראגראם National (Vaccine Injury Compensation Program (VICP)) איז א פעדעראלע פראגראם וואס איז געשאפן געווארן צו קאמפענסירן מענטשן וועלכע זענען מעגליך געווארן געשעדיגט דורך געוויסע וואקסינען.

מענטשן וועלכע גלייבן אז זיי זענען מעגליך געווארן געשעדיגט דורך א וואקסין קענען לערנען מער איבער דעם פראגראם און איבער אריינגעבן א קלאגע דורך רופן **1-800-338-2382** אדער באזוכן די VICP וועבזייטל ביי **www.hrsa.gov/vaccinecompensation**. עס איז פאראן א צייט באגרענעצונג אריינצוגעבן א קלאגע פאר קאמפענסאציע.

## 7 ווי אזוי קען איך לערנען מער?

- פרעגט אייער העלטה קעיר פאראזארגער. ער אדער זי קען אייך געבן דעם וואקסין פעקל ביילאגע (פעקעדזש אינסערט) אדער פארשלאגן אנדערע קוועלער פון אינפארמאציע. 1-888-767-4687
- רופט אייער לאקאלע אדער סטעיט העלטה אפטיילונג.
- פארבינדט זיך מיט די צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention (CDC)):
  - רופט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)**
  - אדער באזוכט CDC'ס וועבזייטל ביי **www.cdc.gov/flu**

Vaccine Information Statement

**Inactivated Influenza Vaccine**

08/07/2015 Yiddish

42 U.S.C. § 300aa-26

Office Use Only

DCH-0457Y AUTH: P. H. S., Act 42, Sect. 2126.

Translation provided by the New York City Dept. of Health & Mental Hygiene

כדי צו ערלויבן מעדיקאל קעיר פאראזארגער צו האָבן גענויע אימוניזאציע סטאטוס אינפארמאציע,וויאויך צו מאכן אן אימוניזאציע אפשאצונג און א רעקאמענדירטע שעדיול פאר צוקונפטיגע אימוניזאציעס, וועט אינפארמאציע געשיקט ווערן צו מישיגאן סטעיט קעיר אימפרואוומענט רעדזשיסטרי. יחידים האבן די רעכט צו פארלאנגען אז זייערע מעדיקאל קעיר פאראזארגער זאל נישט שיקן אימוניזאציע אינפארמאציע צו די רעדזשיסטרי.